Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 14, נומער 4 (69)

אייר תשס״ט/מײַ 2009

# פֿון קעשענעוו[1] קיין פּאַריז

יעפֿים טשאָרני און סוזאַן גערגוס[2], צוויי מוזיקער פֿון קעשענעוו (מאָלדאָווע), האָבן לעצטנס געמאַכט אַ גרויסן טורנע איבער אייראָפּע און אויפֿן וועג זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז. דעם 10טן מאַרץ זײַנען זיי אַרויסגעטראָטן[3] פֿאַרן פּאַריזער ייִדיש־צענטער אין דעם ראָטהויז[4] פֿון 20סטן שטאָטקרײַז[5] און זייער קאָנצערט האָט שטאַרק דערפֿרייט אַ גרויסן עולם[6].

לאַנג באַקאַנט אין דער וועלט פֿון ייִדישער מוזיק, דער עיקר[9] אין דײַטשלאַנד, ענגלאַנד און מיזרח[10]־אייראָפּע, ווו זיי נעמען אָנטייל אין אַ סך פֿעסטיוואַלן און קלעזמער־טרעפֿונגען. אין פֿראַנקרײַך זײַנען זיי אויך געקומען אַ פּאָר מאָל אין די לעצטע יאָרן.

אַחוץ[11] זייערע קאָנצערטן זאַלבע צווייט[12], שפּילן זיי מיט אַ קלעזמער־קאַפּעליע מיטן נאָמען קלעזמער־אַליאַנס[13], אַ גרופּע וואָס איז אַ פֿאַרקערפּערונג[14] פֿון דעם וואָס מע רופֿט הײַנט צו טאָג „וועלטמוזיק“. די זעקס מוזיקערס שטאַמען פֿון פֿיר לענדער און זיי פֿאָרן אַרום דער וועלט צו מאַכן קאָנצערטן און אויך צו לערנען אויף אינטערנאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען (פֿעסטיוואַלן, וואַרשטאַטן[15]...) אין אייראָפּע און אַמעריקע. דעם זומער, צום בײַשפּיל, קומען סוזאַן און יעפֿים אין פּאַריז אָנטייל צו נעמען אינעם קלעזמער־וואַרשטאַט פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער (פֿון 6טן ביז 10טן יולי).

פֿאַר דעם קאָנצערט האָט דער *טעם־טעם* אויסגעניצט די געלעגנהייט[16] צו כאַפּן אַ שמועס מיט די מוזיקער.

**טעם־טעם : פֿון וואַנען קומט איר ?**

**סוזאַן גערגוס :** *מיר לעבן ביידע אין קעשענעוו, וואָס איז הײַנט די הויפּטשטאָט פֿון מאָלדאָווע. איך בין דאָרט געבוירן געוואָרן און אַלע יאָרן געלעבט. אַרבעטן אַרבעט איך ווי אַ לערערין פֿון פּיאַנע און מוזיק.*

**יעפֿים טשאָרני :** *איך בין אויך אַ געבוירענער אין קעשענעוו. ס'איז אַ מאָל געווען בײַ אונדז אַ גרויסע ייִדישע באַפֿעלקערונג[17]. לײַדער זענען זייער אַ סך אַוועק אין אויסלאַנד ווי נאָר ס'איז געווען מעגלעך.*

**טעם־טעם : אָבער עס בלײַבט פֿאָרט[18] אַ ייִדיש לעבן אין קעשענעוו ?**

**י. טש. :** *יאָ, עס וווינען דאָרטן אַרום 15000 ייִדן. ס'איז דאָ אַ רעליגיעז און קולטורעל ייִדיש לעבן.*

[סוף זײַט 8]



© פֿאָטאָ : שרון בר־כּוכבֿא

יעפֿים טשאָרני איז אַ קאָמפּאָזיטאָר און זינגער פֿון ייִדישע לידער, און דערצו אַ מענטש מיט אַ געוואַלדיקער כאַריזמע און אַ סך הומאָר. זײַן באַגלייטערין[7], סוזאַן גערגוס, מיט וועמען ער זינגט שוין לאַנגע יאָרן, איז אַ טאַלאַנטירטע פּיאַניסטקע, וואָס שפּילט די ייִדישע ניגונים[8] מיט ליבשאַפֿט און טיפֿן געפֿיל.

זיי ביידע פֿירן אָן מיט דעם ייִדישן מוזיק־טעאַטער אין קעשענעוו, וואָס יעפֿים האָט געגרינדעט אין 1992. זייערע נעמען זײַנען שוין

1. Kishinev/Chisinau (capitale de Moldavie/capital of Moldova) 2. Efim Chorny, Susan Ghergus 3. se sont produits/performed 4. mairie/Town Hall 5. arrondissement/district 6. oylem public/audience 7. accompagnatrice/accompanist 8. nigunim mélodies 9. ... iker surtout/mainly 10. mizrekh de l'Est/eastern 11. akhu'ts à part/aside from 12. à deux/as a duo 13. Klezmer Alliance 14. incarnation/embodiment 15. ateliers/workshops 16. saisi l'occasion/took the opportunity 17. population 18. quand même/still



# אויער – נאָז – האַלדז

די דאָזיקע דרײַ אָרגאַנען זײַנען נאָענט פֿאַרבונדן – אַ סימן[1], אַז איין דאָקטער היילט אַלע דרײַ. אין דער צײַט ווען די וועלט ציטערט פֿאַר דער נײַער חזירשער[2] גריפּע איז די טעמע מיט אַ מאָל געוואָרן זייער אַקטועל...



## אויער

דאָס אויער איז דער אָרגאַן פֿון הערן – חוש־השמיעה[3]. אַ מענטש וואָס קען ניט הערן איז אַ טויבער. אַ ביסעלע טויב הייסט טויבלעך און אין גאַנצן טויב הייסט **טויב ווי די וואַנט**. דאָס איז טאַקע טשיקאַווע[4] ווײַל אַן אַנדער ווערטל זאָגט **אַז ווענט האָבן אויערן**. גיי פֿאַרשטיי! נאָך אַ פּאַראַדאָקס



איז אַז **שטיל ווי אין אַן אויער** מיינט זייער שטיל. אַ נאָדל האָט אַן **אויערל**[5] און אַ קרוג[6] קען האָבן צוויי אויערן. אַ צירונג[7] וואָס מע טראָגט אין אויער איז אַ **אויערינגל**[8].

אַ מענטש וואָס קען הערן נאָר וויל ניט, **מאַכט זיך נישט הערנדיק**[9] אָדער ניט וויסנדיק. דאָס איז אַן עקשן[10] אָדער גאָר אַ היפּאָקריט. ווען מע פֿאָלגט ניט אַ מענטשן, זאָגט מען אַז מע **הערט אים ווי דעם קאָטער**[11] אָדער מע **הערט אים ווי המן**[12] **דעם גראַגער**[13]. אַ טאָגטעגלעכער אויסדרוק[14] איז **וואָס הערט זיך**[15]? אָדער אין אַ ביסל אַ פֿרײַנדלעכער פֿאָרעם: נו, וואָס הערט זיך עפּעס גוטס? אָדער גאָר פֿאַרקירצט אויף: ס'ערט זיך? אַ שפּאַסיקער[16] ענטפֿער אויף דעם איז: **די באָבע יערט זיך**[17] אָדער **דער זיידע שערט זיך**[18] (דאָס הייסט, נישטאָ קיין נײַעס).



דאָס וואָס מע הערט איז אַ קלאַנג, אַ קול[19], אַ טומל... אָבער מע זאָגט אויך **עס הערט זיך** אַ ריח[20], וואָס מיינט אַז מע שפּירט אַ ריח, און דאָס ברענגט אונדז צו צום חוש־הריח[21] – שמעקן, וואָס זײַן אָרגאַן איז די נאָז.



## נאָז

איר קענט דאָס אַלטע רעטעניש[22] – פֿאַר וואָס האָט אַ מענטש אַ נאָז? כּדי[23] צו טראָגן אויף איר די ברילן. די נאָז זיצט זיך שטילערהייט אין מיטן פּנים[24], נאָר עס זעט אויס אַז מיט דעם דאָזיקן קערפּערטייל קען מען אַ סך אויסדריקן[25], ווײַל **דערקענען אין דער נאָז** מיינט פֿאַרשטיין לויט עמעצנס פּנים. **קרימען**[26] אָדער **דרייען מיט דער נאָז** מיינט זײַן אומצופֿרידן מיט עפּעס. **פֿאַררײַסן די נאָז** מיינט זײַן שטאָלץ, זיך האַלטן גרויס. **האָבן פֿליגן**[27] (אָדער **פֿליי**[28]) **אין דער נאָז** מיינט זײַן פּרעטענציעז אָדער קאַפּריזנע. פֿאַרקערט, ווען מע **לאָזט אַראָפּ די נאָז**, מיינט עס אַז מע איז אין גאַנצן אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך[29].



אַ מאָל קומט עס דערפֿאַר, וואָס אַ מענטש כאַפּט זיך אַז מע האָט אים **געפֿירט פֿאַר דער נאָז**. און ווען מען איז זייער נײַגעריק[30] אויף עפּעס, **שטעלט מען אַרויס נאָז און אויערן**. רעדן צו שטיל, אָדער ניט גענוג קלאָר הייסט **רעדן אונטער דער נאָז**. ווען מע האָט אַ קאַטער[31], שנײַצט[32] מען זיך די נאָז אין אַ **נאָזטיכל**. ניט נאָר מענטשן האָבן נעז (אָדער נעזער).



אַ קעצעלע האָט אַ קליין נעזעלע, אַ העלפֿאַנד האָט אַ לאַנגע נאָז, און ס'איז דאָ אַ חיה[33] מיט אַ האָרן אויף דער נאָז, וואָס זי הייסט אַ **נאָזהאָרן**[34].

1. SIMEN la preuve/a sign, a proof 2. KHA'ZERSHER porcine/swine (*adj.*) 3. KHUSH-HASHMIE l'ouïe/sense of hearing 4. curieux/curious 5. chas/eye 6. cruche/jug 7. bijou/piece of jewelry 8. boucle d'oreille/earring 9. fait la sourde oreille/pretends not to hear 10. AKSHN entêté/stubborn 11. matou/tomcat 12. HOMEN Haman 13. crécelle/noisemaker (*les deux expressions signifient* ne prêter aucune attention à/*both expressions mean* completely ignore) 14. expression 15. quoi de neuf ?/what's new? 16. humoristique/joking 17. a son anniversaire/has a birthday 18. se coupe les cheveux/is cutting his hair 19. KOL voix/voice 20. REYEKH odeur/smell 21. KHUSH-HAREYEKH odorat/sense of smell 22. devinette/riddle 23. KEDE'Y afin de/in order to 24. PONEM visage/face 25. exprimer/express 26. froncer/*here* twist, turn up 27. mouches/flies 28. puces/fleas 29. découragé/discouraged 30. curieux/curious 31. rhume/cold 32. se mouche/blow (your nose) 33. KHAYE animal 34. rhinocéros



# **הַאַלדז**



האַלדז איז ניט נאָר דאָס וואָס טוט ווײ ווען מען איז פֿאַרקילט[35] (אָדער ווען מע האָט **זיך געריסן דעם האַלדז**[36]), נאָר אויך דער גאַנצער קערפּערטייל וואָס פֿאַרבינדט דעם קאָפּ מיטן רעשט פֿונעם גוף[37]. **זיך צעברעכן האַלדז און נאַקן**[38] קען דערפֿאַר זײַן זייער אַן אומאײַנגענעמע זאַך. אַ **העלדזעלע** איז ניט נאָר אַ קלײנער האַלדז – עס קען אויך זײַן אַ טייל פֿון אַ פֿלאַש. אַ **געפֿילטע העלדזעלע** **גענדזן העלדזעלע**[39] איז אַ געשמאַקער ייִדישער מאכל[40], וואָס אַנדערע ייִדן רופֿן עס אַ מעגעלע. ווען מע האָט צו פֿיל געגעסן – העלדזעלעך אָדער אַנדערע זאַכן – זאָגט מען אַז מע האָט געגעסן **איבערן האַלדז**, און ווען מע טוט עס רעגולער ווערט מען אָנגערופֿן אַ **טרייפֿענער**[41] אָדער **געשמדטער**[42] **האַלדז**[43]. נאָר **איבערן האַלדז** קען מען אויך זאָגן וועגן אַנדערע זאַכן וואָס מע האָט פֿון זיי גענוג און וואָס זענען נימאס געוואָרן[44] – אָדער וואָס **קריכן שוין פֿון האַלדז.**



אַ **האַלדזבאַנד**[45] איז אַ צירונג און אַ **האַלדזקנאָפּ**[46] איז אַ טייל פֿון דער מענלעכער אַנאַטאָמיע. מע זאָגט אַז דאָס איז אַ שטיק פֿון דער מוטער חווהס[47] עפּל וואָס איז אָדמען[48] געבליבן שטעקן אין האַלדז. אויב מע האָט עמעצן ליב קען מען זיך מיט אים **האַלדזן**[49] אָדער אים אַפֿילו[50] **פֿאַלן אויפֿן האַלדז**. און אַז איינער האָט געטאָן עפּעס ניט שיינס, זאָגט מען אים, **ער זאָל זיך שעמען אין ווײַטן האַלדז אַרײַן**[51] !



35. a pris froid/catch cold 36. s'est égosillé/shouted too much 37. GUF corps/body 38. se casser le cou/break your neck 39. cou d'oie farci/stuffed goose neck 40. MAYKhL plat/dish 41. non cachère/unkosher 42. GESHMATER apostat, converti/apostate, converted 43. *les deux expressions signifient* goinfre/*both expressions mean* glutton 44. NIMES ... sont devenus lassants/you've had enough 45. collier/necklace 46. pomme d'Adam/Adam's apple 47. ... KhAVES de notre mère Ève/Mother Eve's 48. O'DEMEN Adam (*datif*)/in Adam's 49. étreindre/embrace 50. AFILE même/even 51. il devrait avoir honte/he should be ashamed of himself.

## שפּריכווערטער[1]

- ווענט האָבן אויערן, גאַסן האָבן אויגן.
- פֿון דײַן מויל אין גאָטס אויערן אַרײַן !
(דאָס מיינט : גאָט זאָל אויסהערן דײַנע רייד).
- גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן צוויי אויערן און איין מויל, כּדי[2] ער זאָל מער הערן און ווייניקער רעדן.
- דער חלף[3] ליגט אים אויפֿן האַלדז.
- איין מאָל איז שיין, צוויי מאָל האָט נאָך חן[4], דרײַ מאָל ברעכט מען שוין האַלדז און ביין.
(דאָס מיינט אַז מע דאַרף ניט איבערטרײַבן די מאָס[5]).
- אַ גוטער בעל־הבית[6] שטעקט אומעטום אַרײַן די נאָז.
- אַ שלימזל[7] פֿאַלט אויפֿן גראָז און צעשלאָגט זיך די נאָז.

1. proverbes/proverbs 2. KEDE'Y afin que/so that 3. KhALEF couteau (pour l'abattage rituel)/ritual slaughterer's knife 4. KhEYN charme/charm 5. en faire trop/overdo things 6. BALEBO'S patron/boss 7. ShLIMAZL malchanceux/unlucky person.






# פּראָפֿעסאָר פֿאַבריקאַנט

מיט אַ יאָר צוריק איז אַרויס אין ישׂראל[1] אַן אומגעווייניטלעכער ראָמאַן, *דער היסטאָרישער קאַבאַרעט פֿון פּראָפֿעסאָר פֿאַבריקאַנט*[2], וואָס דערציילט די קאָמישע און רירנדיקע[3] אַוואַנטורעס פֿון אַ פֿיקטיווער ייִדישער טעאַטער־טרופּע אין טשערנאָוויץ[4] אין די דרײַסיקער יאָרן. ס'איז דער ערשטער ראָמאַן פֿון ירמי פּינקוס[5], אַ יונגער באַקאַנטער ישׂראלדיקער[6] בילדערשטרײַפֿן־צייכענער[7] וואָס שרײַבט אויכעט קולטור־קריטיק. אין אַן אינטערוויו פֿאַר אַ ישׂראלדיקער צײַטונג דערציילט פּינקוס ווי אַזוי ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן דאָס בוך. אין 2001 האָט ער פּובליקירט אַ רעגולערע בילדערשטרײַפֿן־רובריק אין דער דײַטשער *פֿראַנקפֿורטער אַלגעמיינע צײַטונג*. איינע פֿון די מעשׂיות[8] וואָס ער האָט געצייכנט איז געווען וועגן אַ מענטש וואָס ירשנט[9] אַ טעאַטער־טרופּע אַלטע ווײַבער און פֿאָרט אַרום מיט זיי. פּינקוס איז דעמאָלט נישט געווען אַזוי צופֿרידן מיטן רעזולטאַט, אָבער ער האָט אײַנגעזען אַז די טעמע וואָלט ער געקענט אַנטוויקלען צו אַ לענגערער מעשׂה. ער האָט ביסלעכווײַז צוגעגעבן מער און מער בילדער, און צום סוף[10] האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז אין דער אמתן[11] וואָלט ער גענדאַרפֿט עס שרײַבן און ניט צייכענען. אָט אַזוי איז פֿונעם מעשׂהלע[12] געוואָרן אַ ראָמאַן.

## פֿאַרייִדישט העברעיִש

אָבער דאָס בוך איז באַזונדער נישט נאָר צוליב זײַן אויפֿקום[13], נאָר אויך צוליב זײַן טעמע און שפּראַך. לאַנגע יאָרן האָט מען אין ישׂראל אָפּגעשטויסן[14] די ייִדישע שפּראַך און קולטור. די מערהייט ישׂראלדיקע האָבן זיך באַצויגן[15] צו זיי ווי צו אַ פֿינצטערן טייל פֿון זייער פֿאַרגאַנגענהייט, עפּעס וואָס מע וואָלט בעסער געוואָלט אין גאַנצן פֿאַרגעסן, און אויב מע קען עס נישט פֿאַרגעסן איז בעסער שוין חוזק צו מאַכן[16] דערפֿון. אין די לעצטע יאָרן פֿאַראינטערעסירן זיך מער און מער ישׂראלדיקע יונגע מענטשן אין ייִדיש, און פּינקוסעס ראָמאַן איז מסתּמא[17] אַ טייל פֿון אָט דעם פֿענאָמען. נישט נאָר וואָס ער דערציילט וועגן אַ ייִדיש רעדנדיקער סבֿיבֿה[18], נאָר די שפּראַך גופֿא[19], דאָס עבֿרית[20], איז דורכגעזאַפּט[21] מיט ייִדישע ווערטער, אויסדרוקן און אויך סתּם אַזוי[22] מיט אַ ייִדישן טעם[23]. אַזעלכע ווערטער ווי : *באַשערטע*[24], *שאַצעלע*[25], *דריידל*[26], *קעצעלע* און *ייִנגעלע* באַשײַנען דעם טעקסט און ווערן פֿאַרטײַטשט[27] און דערקלערט אין פֿוסנאָטעס[28]. די ספּעציפֿישע ייִדישע אַטמאָספֿער ווערט אויך פֿאַרשטאַרקט דורך די לשון־קודש שטאַמיקע[29] ווערטער און אויסדרוקן וואָס מע ניצט אין ייִדיש אָבער ניט אין מאָדערנעם העברעיִש. צום בײַשפּיל : אין אַ געוויסן מאָמענט רופֿט דער טעאַטער־עולם[30] צו די אַקטריסעס „יישר־כּוח[31], יישר־כּוח !“. אויף עבֿרית וואָלט מען דעם אויסדרוק הײַנט צו טאָג ניט געניצט אין דעם קאָנטעקסט, אָבער דער ישׂראלדיקער לייענער פֿאַרשטייט אין וואָס עס גייט, אַפֿילו[32] אָן קיין שום פֿוסנאָטע. אין אַן אינטערוויו פֿאַר דער ראַדיאָ־עמיסיע „די ייִדישע שעה“[33] (זע דאָס רעמל) דערקלערט פּינקוס אַז דאָס פֿאַרייִדישן די שפּראַך איז נישט געווען קיין צופֿעליקער פּראָצעס. ער האָט געוואָלט ווײַכער מאַכן דאָס עבֿרית, וואָס קען, לויט אים, אַ מאָל זײַן אומבייגעוודיק[34]. אין אָנהייב זענען געווען אַפֿילו מער ייִדישע עלעמענטן אַרײַנגעפֿלאָכטן[35] אינעם טעקסט, נאָר ער האָט געדאַרפֿט אַרויסנעמען אַ טייל פֿון זיי כּדי[36] דאָס בוך זאָל נישט אויסזען ווי אַ ייִדיש־לערנבוך...



1. YISROEL Israël 2. (2008) אָריגינעלער טיטל : *הקברט ההיסטורי של פרופסור פבריקנט*, תּל־אָבֿיבֿ, עם עובד 3. émouvants/moving 4. Czernowitz (Cernauti), Ukraine 5. Yirmi Pinkus 6. YISRO'ELDIKER israélien/Israeli 7. auteur de bandes dessinées/comic strip artist 8. MAYSES histoires/stories 9. YARSHNT hérite/inherits 10. ... SOF finalement/finally 11. ... E'MESN en fait/in fact 12. MA'YSELE petite histoire/little story 13. genèse/origin 14. repoussé/rejected 15. considéraient/regarded 16. KHOYZEK ... se moquer/make fun of 17. MISTOME probablement/probably 18. SVIVE milieu 19. GUFE elle-même/itself 20. IVRIT hébreu moderne/modern Hebrew 21. imprégné/permeated 22. STAM ... tout simplement/simply 23. TAM saveur/flavor 24. prédestinée/predestined 25. chéri/dear 26. toupie/top 27. traduits/translated 28. notes de bas de page/footnotes 29. LOSHN-KOYDESH ... d'origine hébraïque/of Hebrew origin 30. OYLEM public 31. YASHER-KOYEKH bravo/well done 32. AFILE même/even 33. sho heure/hour (Radio J, 94.80 Mhz) 34. sans souplesse/inflexible 35. entremêlés/interwoven 36. KEDE'Y afin que/in order to

## פּראָפֿעסאָר פֿאַבריקאַנט

וואָס שייך[37] דעם סיפּור־המעשׂה[38], איז זײַן קערנדל[39] טאַקע געבליבן דאָס אייגענע זינט דעם ערשטן בילדערשטרײַף : הערמאַן פֿאַבריקאַנט, אַן אינטעליגענטער אָבער אַ ביסל אומבאַהאָלפֿענער[40] בחור[41], ירשנט די טעאַטער־טרופּע פֿון זײַן פֿעטער, דעם אַזוי גערופֿענעם פּראָפֿעסאָר פֿאַבריקאַנט. מע רופֿט אים פּראָפֿעסאָר ניט ווײַל ער האָט אַ דיפּלאָם, נאָר צוליב דעם וואָס ער איז יונגערהייט אַוועקגעפֿאָרן שטודירן געאָגראַפֿיע אין דער בוקאַרעשטער אוניווערסיטעט. דאָרטן האָט ער אָפּגעלעבט אַ פּאָר אײַנגענעמע[42] יאָרן באַזוכנדיק טעאַטערס און די קינסטלערישע קרײַזן פֿון דער מעטראָפּאָליע. צוריקקומענדיק האָט ער באַשלאָסן צו גרינדן אַ מין[43] טעאַטער וואָס זאָל דערציִען[44] דעם ייִדישן עולם. ער האָט אויסגעזוכט טאַלאַנטירטע מיידלעך אין יתומים־הײַזער[45], און געשאַפֿן אַ פּראָגראַם פֿון היסטאָרישע בילדער. און וואָס איז עס אַזוינס אַ היסטאָריש בילד ? אין 19טן י״ה[46], פֿאַר די צײַטן פֿון ראַדיאָ און פֿילם, איז געווען אַ מאָדע פֿון קורצע אינסצעניזירונגען[47] וואָס מע האָט זיי אָנגערופֿן מיטן פֿראַנצייזישן נאָמען „טאַבלאָ וויוואַן“ (tableaux vivants). די אַקטיאָרן פֿלעגן זיך אַוועקשטעלן אויף דער בינע[48], פֿאַרמירנדיק סטאַטישע סצענעס וואָס האָבן רעפּרעזענטירט אַ מאָל אַ באַקאַנט בילד וואָס נישט יעדער איינער האָט געקענט גיין זען אין מוזיי, אַ מאָל סתּם אַן אידילישע סצענע, און אַ מאָל טאַקע אַ באַוווּסטן היסטאָרישן מאָמענט. פֿאַבריקאַנט האָט אויסגעטראַכט אַ פּראָגראַם פֿון אַזעלכע סצענעס : „דער יונגער מאָצאַרט שפּילט אינעם פּאַלאַץ פֿון דער קייסערינע[49] מאַריאַ־טערעזאַ“, „קאָלאָמבוס אַנטדעקט אַמעריקע“, „די חתונה[50] פֿון נאַפּאָלעאָן און זשאָזעפֿין“ אאַז״וו[51].

דער ראָמאַן הייבט זיך אָן מיט אַ זעכציק יאָר שפּעטער. די אַקטריסעס זענען שוין נישט מער אַזוי יונג, אָבער זיי שפּילן נאָך אַלץ די זעלבע סצענעס (ווי מע קען זען אויף די צוויי אילוסטראַציעס דאָ לינקס).

ירמי פּינקוס, וואָס האָט זיך זייער גוט אויסגעלערנט ייִדיש, האָט אַ סך געפֿאָרשט[52] אָנצושרײַבן זײַן ראָמאַן. אַזוי אַרום באַשרײַבט ער דאָס אַמאָליקע ייִדישע לעבן מיט פֿיל רעאַליסטישע פּרטים[53]. דערצו זענען דאָ אינעם בוך גאָר שיינע אילוסטראַציעס, געמאַכט פֿונעם מחבר[54].

לעצטנס האָט מען זיך דערוווּסט אַז ירמי פּינקוס האָט געקראָגן פֿאַר דעם ראָמאַן דעם פּרעסטיזשפֿולן „ספּיר[55]־פּרײַז פֿאַרן ערשטן בוך“. לאָמיר האָפֿן אַז דאָס ווערק וועט באַלד איבערגעזעצט ווערן אויף אַ סך שפּראַכן !

37. ... shAYEKh en ce qui concerne/as far as 38. SIPER-HAMAYSE intrigue/plot 39. noyau/core 40. désemparé/helpless 41. BOKhER célibataire/bachelor 42. agréables/pleasant 43. MIN sorte/sort 44. instruire/educate 45. YESOYMIM-... orphelinats/orphanages 46. יאָרהונדערט 47. mises en scène/stagings 48. scène/stage 49. impératrice/empress 50. KhA'SENE mariage/wedding 51. און אַזוי ווײַטער 52. fait des recherches/did research 53. PROTIM détails, *sing.* פּרט PRAT 54. MEKhABER auteur/author 55. SAPIR.





**בילדער פֿון ירמי פּינקוס**

דעם 21סטן אַפּריל איז ירמי פּינקוס געקומען צו גאַסט אויף דער פּאַריזער ראַדיאָ־עמיסיע „די ייִדישע שעה“[1], וואָס ווערט אָנגעפֿירט אין גאַנצן אויף ייִדיש. אונדזערע פֿראַנצייזישע לייענערס ווייסן שוין אפֿשר[2] אַז זיי קענען הערן די עמיסיע אויף Radio J יעדן דינסטיק צווישן האַלב פֿיר און האַלב פֿינף נאָך מיטאָג.
זינט נישט לאַנג קען מען זיך אויך צוהערן צו די עמיסיעס אויפֿן קאַטאַלאָג פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק. דער אַדרעס איז :
www.rachelnet.net
צו געפֿינען דאָרטן די עמיסיע דאַרף מען זוכן די זוכווערטער „ייִדישע שעה“ אָדער „ראַדיאָ־עמיסיע“.

1. shO heure/hour (Radio J, 94.80 Mhz) 2. EFShER peut-être/perhaps.

# מרדכי צאַנין[1]

## (2009–1906)



די ייִדישע וועלט האָט פֿאַרלוירן איינע פֿון אירע וויכטיקע געשטאַלטן, דעם שרײַבער און כּלל־טוער[2] מרדכי צאַנין, וואָס איז ניפֿטר געוואָרן[3] דעם 11טן פֿעברואַר 2009 אין ישׂראל[4]. זינט ער איז אָנגעקומען אין לאַנד אין 1941, האָט ער געקעמפֿט פֿאַר דעם קיום[5] פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער העברעיִשער מדינה[6]. לאַנגע יאָרן איז דאָס ניט געווען קיין גרינגע זאַך און צאַנין האָט געדאַרפֿט זיך אַמפּערן[7] מיט דער צענזור[8], וואָס האָט אים פֿאַרווערט[9] אַרויסצוגעבן אַ טאָגצײַטונג אויף ייִדיש. צום סוף[10] האָט ער אָבער פֿאָרט באַוויזן אַרויסצוגעבן *לעצטע נײַעס* (2008-1949), די ייִדישע טאָגצײַטונג אין תּל־אָבֿיבֿ[11] וואָס ער האָט רעדאַקטירט כּמעט[12] ביזן טויט.

דאָס איז אָבער ניט דער איינציקער אויפֿטו פֿון דעם שרײַבער און זשורנאַליסט מרדכי צאַנין. געבוירן אין סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסק אין פּוילן, איז ער אָנגעקומען אין וואַרשע אין 1921 און באַלד אָנגעהויבן צו שרײַבן. אין 1939, ווען די דײַטשן זײַנען באַפֿאַלן פּוילן, איז ער אַנטלאָפֿן קיין ליטע[13]. דאָרטן האָט ער געקראָגן אַ וויזע קיין יאַפּאַן און איז געפֿאָרן אין דער שטאָט קאָבע. פֿון יאַפּאַן איז ער אויף אַ שיף געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל[14]. אין 1945 איז ער צוריקגעפֿאָרן אין פּוילן כּדי[15] אָנצושרײַבן אַ ריי רעפּאָרטאַזשן פֿאַר דער ניו־יאָרקער ייִדישער צײַטונג *פֿאָרווערטס* וועגן די צעשטערטע[16] ייִדישע שטעט און שטעטלעך. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט ווי אַן ענגלישער זשורנאַליסט כּדי גרינגער צו באַקומען אַלע אינפֿאָרמאַציעס. פֿון דעם איז אַרויס די ערשטע זאַמלונג רעפּאָרטאַזשן וועגן דעם ענין[17] וואָס מע האָט אַרויסגעגעבן נאָך דער מלחמה[18] (פּובליקירט אין בוכפֿאָרעם אונטערן טיטל *איבער שטיין און שטאָק, אַ רײַזע איבער 100 חרובֿ געוואָרענע קהילות אין פּוילן*[19], 1952).

ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ סך ייִדישע צײַטשריפֿטן איבער דער גאַנצער וועלט און אַרויסגעגעבן עטלעכע בענד[20] דערציילונגען, עסייען, ווי אויך אַ העברעיִש־ייִדיש און אַ ייִדיש־העברעיִש ווערטערבוך. זײַן גרויס ווערק איז דער זעקסבענדיקער היסטאָרישער ראָמאַן *אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים*, וואָס מע האָט איבערגעזעצט אויף עטלעכע שפּראַכן.

1. MORDKHE Tsanin 2. KLAL-… responsable associatif, militant/community leader 3. NIFTER … est décédé/died 4. YISROEL Israël 5. KIEM persistance/survival 6. MEDINE État/state 7. se battre/fight 8. censure/censorship 9. interdit/forbidden 10. … SOF finalement/finally 11. TEL-AVIV 12. KIMA'T presque/nearly 13. Lituanie/Lithuania 14. ERETS-YISROEL terre d' Israël/land of Israel 15. KEDE'Y afin de/in order to 16. détruits/destroyed 17. INYEN sujet/subject 18. MILKHOME guerre/war 19. KHOREV … KEHILES *Dans une fuite éperdue, voyage à travers 100 communautés juives détruites en Pologne/In Desperate Flight, A journey through 100 devastated Jewish communities in Poland* 20. volumes.

## פֿאָרט אַ ייִד קיין ארץ־ישׂראל[1]

### אַ פֿראַגמענט

*דער ווײַטערדיקער טעקסט איז אַ פֿראַגמענט פֿון מרדכי[2] צאַנינס דערציילונג, „פֿאָרט אַ ייִד קיין ארץ־ישׂראל“. עס שפּילט זיך אָפּ אין 1940, ווען ייִדן האָבן געזוכט מיטלען צו אַנטלויפֿן פֿון אייראָפּע. דער יאַפּאַנישער קאָנסול אין קאָוונע (ליטע)[3], מיטן נאָמען סוגיהאַראַ[4], האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע טויזנט טראַנזיט־וויזעס. אַ דאַנק דעם האָבן זיך געקענט ראַטעווען[5] אַ סך ייִדן. דער העלד פֿון דער דערציילונג, דער רבֿ[6] ר'[7] הירש, געפֿינט זיך אין קאָבע (יאַפּאַן), און זוכט ווי ווײַטער צו פֿאָרן...*

[...] זוניקע טעג האָבן זיך דעמאָלט געשטעלט אין קאָבע, טעג צווישן זומער און האַרבסט, וואָס פֿילן אָן[8] די הערצער פֿון מענטשן מיט אַ גלוסט[9] זיך אַוועקצולאָזן איבער ימים[10]. מסתּמא[11] האָבן אַן ענלעכן גלוסט יענע פֿייגל, וואָס ווינטערן און זומערן אין אַנדערע מקומות[12] און ווען עס קומט די צײַט הייבן זיי זיך אויף און פֿליִען אַוועק ווּ זייערע הערצער גלוסטן. איז אויך דער רבֿ אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרבענקטער[13] זיך אויפֿצוהייבן און זיך אַוועקלאָזן אַהין ווּ ס'האָט אים געצויגן. אמת[14], די יאַפּאַנער זענען גאַסטפֿרײַנדלעך[15]. זיי טרײַבן נישט אַרויס. ייִדן האָבן זיי גערן[16]. נאָר וואָס שייך[17] בלײַבן – דאָס נישט. זיי פֿירן, זאָגן זיי, מלחמה[18] מיט כינע. די ראַציאָנירונג פֿון שפּײַז־אַרטיקלען[19] איז אַ שטרענגע. זיי האָבן פֿאַר זיך אַליין נישט גענוג שפּײַז. און דער עיקר[20] – די וויזעס פֿאַר פּליטים[21] זענען דאָך מלכתּחילה[22] בלויז פֿאַר טראַנזיט.

קיין אַנדער לשון[23] ווי ייִדיש האָט דער רבֿ נישט געקענט. דערצו איז זײַן ייִדיש געווען אין וואַרשעווער דיאַלעקט, מיט „יאַך“ און „מעך“ און „ענק“ און „ווּע“[24]. די אײַנגעזעסענע כאַרבינער[25] ייִדן אין קאָבע האָבן זײַן ייִדיש נישט פֿאַרשטאַנען. אָבער ווען ער האָט גערעדט צו יאַפּאַנער האָבן זיי אים געדולדיק אויסגעהערט, „פֿאַרשטאַנען“ און אים געענטפֿערט אויף יאַפּאַניש, וואָס אויך ער האָט „פֿאַרשטאַנען“. און אַזוי, צוגעווינט צו רעדן מיט יאַפּאַנער, איז ר' הירש אין איינעם

[סוף זײַט 8]

1. ERETS-YISROEL terre d'Israël/land of Israël ; פֿונעם באַנד פֿון יענער *זײַט צײַט*, תּל־אָבֿיבֿ, ה. לייוויק־פֿאַרלאַג, 1988 2. MORDKhE 3. Kaunas (Lituanie/Lithuania) 4. Chiune Sugihara (1900-1986) 5. se sauver/escape 6. ROV rabbin/rabbi 7. REB Monsieur/Mister 8. remplissent/fill 9. désir/desire 10. YAMIM mers/seas 11. MISTOME sans doute/perhaps 12. MEKOYMES lieux/regions 13. nostalgique/yearning 14. EMES c'est vrai/true 15. accueillants/hospitable 16. ils aiment les Juifs/they like Jews 17. … ShAYEKh pour ce qui est de/as for 18. MILKhOME guerre/war 19. denrées alimentaires/food items 20. … IKER surtout/most important 21. PLEYTIM réfugiés/refugees, *sing.* פּליט POLET 22. MILEKhATKhILE dès le début/from the start 23. LOShN langue/language 24. *prononciation yiddish polonaise de/pronunciation in Polish Yiddish of* איך, מיך, אײַך, וואָס 25. les résidents venus de Harbin, Chine/residents from Harbin, China

# לאָמיר זיך שפּילן...



גראַוויור פֿון דײַטשלאַנד פֿון 15טן יאָרהונדערט

## ווער בין איך ?

לאָמיר זען וויפֿל איר ווייסט וועגן די מעשׂיות[1] פֿון תּנ״ך[2]. געפֿינט די העלדן[3] וואָס שטעלן זיך פֿאָר דאָ אונטן :

**1.** איך בין דער ערשטער וואָס האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן[4].

**2.** איך האָב צעשטערט מײַן טאַטנס אַרבעט, געזאָגט אַז מײַן ווײַב איז מײַן שוועסטער, זיך געקריגט מיט גאָט, שיִער ניט געהרגעט[5] דעם אייגענעם זון, פֿונדעסטוועגן[6] האָב איך אַ גוטן שם[7] אויף דער וועלט.

**3.** איך האָב געמישפּט[8] אונטער אַ טייטלבוים[9].

**4.** איך האָב זייער ליב געהאַט לינדזן[10].

**5.** מײַן אָפּשערן זיך[11] האָט מיר געקאָסט זייער טײַער.

**6.** צו ערשט האָב איך זיך געפֿילט עפּעס אַליין אויף דער וועלט !

**7.** מיט אַ געזאַלצענעם ווײַב און צוויי אויסגעלאַסענע[12] טעכטער, איז נישט קיין ווונדער וואָס איך טרינק צו פֿיל.

**8.** ווי אַ קינד האָב איך איבערגעלעבט אַ טראַוומע[13], אויף דער עלטער בין איך בלינד געוואָרן און איינער פֿון מײַנע זין האָט מיך אָפּגענאַרט.

**9.** ווען איך האָב געהערט אַז צו אַכציק יאָר וועל איך האָבן אַ זון, האָב איך זייער געלאַכט.

**10.** איך בין אַ פּשוטער[14] ייִד און מײַן פּלימעניצע[15] איז געוואָרן אַ קעניגין.

**11.** איך האָב אָנגעשריבן גאַנצע דרײַ ספֿרים[16] פֿון תּנ״ך.

**12.** איך האָב געוואָלט שעלטן[17] די ייִדן, אָבער אַנשטאָט דעם האָב איך געזידלט[18] מײַן אייזלטע[19] און געבענטשט[20] די ייִדן.

**13.** די גאַנצע וועלט באַשולדיקט מיך און איך האָב נאָר געגעסן אַ פֿרוכט !

**14.** איך בין אַפֿילו[21] נישט קיין ייִדיש און פֿון מיר האָבן געשטאַמט די צוויי גרעסטע ייִדישע קעניגן.

**15.** כ׳האָב אַלץ געהאַט און אַלץ פֿאַרלוירן, און דערצו קראַנק איך זיך די גאַנצע צײַט.

**16.** אַ יונגער־מאַן האָט געוואָלט מיט מיר חתונה האָבן[22], נאָר מײַן טאַטע האָט אים פֿריִער געגעבן מײַן עלטערע שוועסטער.

**17.** איך האָב גערעדט מיט אַ קוסט[23], געשלאָגן אַ שטיין און געשפּאָלטן אַ ים[24].

## איך בין...

א. אָדם הראשון Adam : ODEM-HARISHN
ב. חוה Eve : KHAVE
ג. רחל Rachel : ROKHL
ד. שׂרה Sarah : SORE
ה. אַבֿרהם אָבֿינו Abraham : AVROM-OVINU
ו. עשׂו Esaü : EYSEV
ז. יצחק Isaac : YITSKHOK
ח. נח Noé/Noah : NOYEKH
ט. לוט Loth LOT
י. בלעם Balaam : BILEM
י״א. משה רבנו Moïse/Moses : MOYSHE-RABEYNE
י״ב. איובֿ Job : IEV
י״ג. רות Ruth : RUS
י״ד. שלמה המלך Salomon : SHLOYME-HAMEYLEKH
ט״ו. מרדכי הצדיק Mardochée/Mordecai : MORDKHE-HATSADIK
ט״ז. דבֿורה הנבֿיאה Deborah : DVOYRE-HANEVIE
י״ז. שמשון הגיבור Samson : SHIMSHN-HAGIBER

[די לייזונג אויף ז׳ 8]

1. MAYSES histoires/stories 2. TANA'KH Bible juive/Jewish Bible 3. personnages/characters 4. alcool (*expression*)/alcohol (*slang*) 5. … GEHARGET failli tuer/almost killed 6. néanmoins/nevertheless 7. SHEM réputation 8. GEMISHPET rendais la justice/dispensed justice 9. dattier/date palm 10. lentilles/lentils 11. se couper les cheveux/haircut 12. débauchées/debauched 13. traumatisme/trauma 14. PO'SHETER simple 15. nièce 16. SFORIM livres/books, *sing.* ספֿר SEYFER 17. maudire/curse 18. injurié/swore at 19. ânesse/she-donkey 20. béni/blessed 21. AFILE même/even 22. KHA'SENE… se marier/marry 23. buisson/bush 24. YAM mer/sea.

[סוף פֿון זײַט 1]

**טעם־טעם : ווי אַזוי זײַט איר צוגעקומען צו ייִדישער מוזיק ?**

**י. טש.** : *איך בין נישט צוגעקומען – איך בין געבוירן געוואָרן אין דעם. מײַן זיידע איז געווען אַ חזן[19]. מײַן מאַמע האָט אַ ביסל שטודירט מוזיק און האָט געוואָלט זײַן אַ זינגערין, נאָר ס'האָט זיך נישט אײַנגעגעבן[20]. זי זינגט נאָך אַלץ – אַזוי פֿאַר זיך ; מײַן שוועסטער אויך. דאָס, זעט אויס, איז געווען מײַן גורל[21], באַשערט[22] !*

**ס. ג.** : *פֿאַר מיר איז פּונקט פֿאַרקערט. איך האָב לאַנג שטודירט מוזיק, נאָר מיט ייִדישער מוזיק האָב איך גאָרנישט געהאַט צו טאָן. איך רעד אַפֿילו[23] נישט קיין ייִדיש. די מעשׂה[24] איז אַזוי : איך האָב געהאַט אײַנגעשריבן מײַן קליינע טאָכטער אין אַ טאַנצקלאַס און כ'פֿלעג אַ מאָל שפּילן פּיאַנע צו באַגלייטן די קינדער אויף די טאַנצלעקציעס. זעענדיק אַז איך שפּיל*



**© פֿאָטאָ : מאַרגעריט ניסנבוים־כּהן**

*האָט אַ פֿרוי מיר אַ זאָג געטאָן אַז זי קען אַ מענטש וואָס זוכט אַ באַגלייטער צו זײַן זינגען. האָב איך זיך געטראָפֿן מיטן מענטשן – און דאָס איז געווען יעפֿים ! דאָס איז שוין געווען מיט 17 יאָר צוריק !*

דער קאָנצערט איז געווען אַ גרויסער דערפֿאָלג[25]. אַן עולם פֿון צוויי הונדערט מענטשן האָט מיטגעזונגען מיט יעפֿימען, וואָס האָט אַן אויסערגעוויינטלעכן קאָנטאַקט מיט די צוהערער. מע האָט געהערט גוט באַקאַנטע לידער, אַלטע און נײַע, ווי „שפּרײַז איך מיר“ אָדער „מאָסקווער אָוונטן“ אויף ייִדיש און רוסיש, ווי אויך ווייניקער באַקאַנטע, ווי דאָס ליד פֿונעם רוסישן פּאָעט דוד[26] האָפֿשטיין „אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן“. דער רעפּערטואַר איז געווען דער עיקר רומעניש־בעסאַראַביש. אַ סך מעלאָדיעס זענען געווען יעפֿימס אייגענע קאָמפּאָזיציעס צו די לידער פֿונעם בעסאַראַבער פּאָעט מאיר חרץ[27], ווי „דער מעניו“ אָדער „ציגעלע־מיגעלע“ וואָס האָט מיטגעריסן דעם גאַנצן זאַל.

19. khazn chantre/cantor 20. n'a pas réussi/didn't work out 21. goyrl destin/fate 22. prédestiné/predestined 23. afile même/even 24. mayse histoire/story 25. réussite/success 26. dovid 27. meyer khara'ts (1912-1993).

[סוף פֿון זײַט 6]

אַ טאָג פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿון קאָבע. ער איז חלילה[26] נישט פֿאַרשוווּנדן אין געהיים[27]. אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן טוכענעם אָנצוג[28], מיט אַ ברייטן שניפּס[29] אויף אַ בלאַנקענדיק[30] ווײַס אייבערהעמד, אין איין האַנט דעם שוואַרצן שטעקן מיט דעם זילבערנעם הענטל און אין דער צווייטער האַנט אַ קליינעם טשעמאָדאַן[31], האָט ער אָנגעזאָגט אין דעם פּליטים־קאָמיטעט, אַז ער פֿאָרט זיך ראַטעווען און „מערטשעם“[32] אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט ער צוריק. אַזוי איז געווען : ער איז געקומען אַן אויפֿגעלייגטער[33], צוריק אין זײַן אומרויִקער לעבעדיקייט און מיט אַ גרויסן סוד[34]. אַז כ'האָב אים געפֿרעגט : נו ? – האָט ער געענטפֿערט : „ווּ שאַך“. פֿון דעם טאָן וואָלט אַפֿילו[35] אַ יאַפּאַנער פֿאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט : וואָס שייך[36] ? גאָט וועט נעמען און פֿאַרלאָזן זײַן פֿאָלק ? כ'האָב זיך אָנגעשטויסן[37], אַז ר' הירש האָט בײַ עפּעס אַ דרום[38]־אַמעריקאַנער קאָנסול אין יאָקאָהאַמאַ צי אין טאָקיאָ אַרויסבאַקומען אַ וויזע. [...] דרײַ טעג שפּעטער איז ר' הירש ווידער געווען אין קאָבע און ער האָט געבראַכט אָן אַ שיעור[39] גוטע בשׂורות[40] פֿאַר די ייִדן, מיט וועלכע ער האָט געטיילט זײַן סוד. [...]

26. kholile Dieu préserve/God forbid 27. en secret/in secret 28. *ici* complet en laine/*here* woolen suit 29. cravate/tie 30. luisant/gleaming 31. valise 32. si Dieu le veut/God willing 33. de bonne humeur/cheerful 34. sod secret 35. afile même/even 36. ... shayekh *ici* comment ça ?/*here* what do you mean? 37. compris/realized 38. dorem du Sud/south 39. ... shier un grand nombre de/a vast amount of 40. psures nouvelles/news.




# דער ייִדישער טעם־טעם

**אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס**

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.



Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com


*מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

**די לייזונג פֿונעם קעסטלשפּיל פֿון נומ' 68**

| 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ג | ר | א | ה | נ | ײ | ט | ש | **א** |
| ר | ע | ד | ײ | א | ■ | א | י | **ב** |
| ײ | ר | ע | מ | ב | ע | ל | ק | **ג** |
| ט | נ | ר | ע | ל | ■ | ק | ל | **ד** |
| ע | ■ | ן | ר | א | ד | ■ | ע | **ה** |
| ר | פ | ■ | ■ | כ | ו | י | נ | **ו** |
| ■ | ל | פ | ע | ■ | ר | א | ד | **ז** |
| ן | ע | ל | ק | ע | ■ | מ | י | **ח** |
| ע | ק | א | ■ | ק | א | ש | ק | **ט** |



**די לייזונג פֿון ז' 7**

## ווער בין איך ?

1 – ח
2 – ה
3 – ט"ז
4 – ו
5 – י"ז
6 – א
7 – ט
8 – ז
9 – ד
10 – ט"ו
11 – י"ד
12 – י
13 – ב
14 – י"ג
15 – י"ב
16 – ג
17 – י"א